ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## ט' חשון תשס"ו

## פרשת לך לך

טייערע קינדער שלוחים

עס איז ניטא אזא וויכטיקע זאך ווי אהבת ישראל!

ווען א איד טראכט וועגן א צווייטער איד, און טוט פאר עם גוטס, ברענגט דאס דעם גרעסטן נחת רוח צום אויבערשטן. די וואך איז געווען ז' חשון – דער טאג ווען אידן אין ארץ ישראל הויבן אן בעטן אויף רעגן און זאגן "ותן טל ומטר לברכה". יעצט איז די צייט ווען די אידן אין ארץ ישראל דארפן האבן רעגן אז אלץ זאל וואקסן. אויב די אידן דארפן רעגן איצטער, פארוואס האבן זיי געווארט ביז ז' חשון צו בעטן פאר רעגן? פארוואס האבן זיי ניט אנגעהויבן בעטן גלייך נאך שמיני עצרת ווען מען האט אנגעהויבן זאגן "משיב הרוח ומוריד הגשם". אויף שמיני עצרת ווי אונז אין חוץ לארץ? די ענטפער איז ווייל זיי האבן געווארט אויף אלע מענטשן וואס זיינען געווען אין בית המקדש און האבן געדארפט צוריק גיין צו זייערע הייזער. נאר ווען אלע אידן זיינען שוין ניט געווען אויף די וועגן, האט מען געבעטן אויף רעגן. קינדער מען זעט פון דא אן אויסערגעוויינליכע הוראה אין אהבת ישראל. אפילו ווען דו האסט עפעס וואס דו דארפסט, זאלסטו מוותר זיין פאר נאך א איד!

א איד מיט אויסערגעוויינליכע אהבת ישראל איז געווען די רז"א – דער ברודער פון רביין רש"ב. ווי איר וועט לייענען שפעטער, איז זיין יארצייט דעם וואך. לאמיר אלע אננעמען אויף זיך האבן אהבת ישראל, און דורך דעם שוין ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה נאו!!



## משיח נאו!

אמאל קינדער מיינען אז די גרויסע זאכן ווערן נאר אויפגעטאן דורך עלטערע מענטשן. דער רבי זאגט אונז אז דאס איז ניט אזוי. ווען קינדער זאגן ווערטער פון תהלים ברענגט דאס דעם גרעסטן נחת פאר'ן אויבערשטער. און אין צייט פון גאולה וועט מען זען די גרויסע ליכט וואס קומט פון די ווערטער פון תהלים פון קינדער און פשוט'ע מענטשן!



## לעבן מיט דער צייט

### פרשת לך לך

האסטו אמאל געמיינט אז דו ביסט נאר א קליין קינד און קען גאר ניט אויפטאן? לערן די שיחה און דו וועסט זען אז דו ביסט ניט קליין, און דו קענסט גאר א סך אויפטאן!!

**ואברכה מברכיך**

אויפן פסוק "ואברכה מברכיך" - איך וועל בענטשן די וואס וועלן דיר בענטשן - זאגן די חז"ל: **כל המברך מתברך בברכתו של הקדוש ברוך הוא** - יעדער איינער וואס בענטשט א צווייטן מענטשן, ווערט געבענטשט פון אויבערשטן אליין.

אויב דער ענין פון "ואברכה מברכיך" איז געזאגט געווארן ביי יעדער אידן וואס בענטשט א צווייטן אידן, איז דאס זיכער אזוי ווען קינדער פון "צבאות השם" בענטשן אידן.

ווארום די חז"ל זאגן אז דער קיום פון דער וועלט איז אין דעם זכות פון **"הבל פיהם של תינוקות של בית רבן"** (די תורה וואס אידישע קינדער לערנען), וואס איז **"הבל שאין בו חטא"**(רייד אן א זינד), דאס הייסט, אז דער אויבערשטער, דער באשעפער פון דער גאנצער וועלט, האט געגעבן אידישע קינדער דעם כח אז דורך זייער דאוונען און לערנען, זאלן זיי געבן די וועלט איר קיום.

איז דאך זיכער, אז אידישע קינדער וועלכע פירן זיך אויף ווי עס פאסט פאר "צבאות השם", זיינען גורם דעם אויבערשטן א גרויסע שמחה - **"ישמח ה' במעשיו"**,

(המשך אין עמוד 2)

*(המשך פון לעבן מיט דער צייט)*

**"שמחת ה' אשר שש ושמח בדירתו בתחתונים"** - ובמילא ווען זיי בענטשן א צווייטן אידן, לאזט אפ דער אויבערשטער אלע זיינע געשעפטן (כאטש זיי זיינען באמת זייער הויכע און חשוב'ע געשעפטן) און פארנעמט זיך מיט מקיים זיין דעם "ואברכה מברכיך", ער בענטשט זיי מיט גאר גרויסע געהויבענע ברכות, וואס ברענגען אמת'ע ברכות אין טאג טעגלעגן לעבן.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער - שיחת י"ט ניסן תשמ"ו, נר ח' דחנוכה תשמ"ח)*

# דעם חסידישן לוח

## י"א חשון

## יארצייט פון דעם רז"א



דער הייליקער רז"א - ר' זלמן אהרן – איז געווען דער עלטסטע זון פון דער רבי מהר"ש, *און* דער רבי רש"ב'ס עלטערע ברודער.

דער פריערדיקער רבי שרייבט אויף די גרויסקייט פון זיין פעטער – דער רז"א.

"דער רז"א איז געווען זייער א צופרידענע מענטש. אפילו ווען ער האט געליטן האט ער אלעמאל געהאט א שמייכל אויפן פנים. דער איינציגסטע צער וואס האט אים געבאדערט איז געווען די צער פון א צווייטער איד. יעמאלט האבן זיך טרערן געפונען אין זיינע אויגן, און ער האט געטאן אלס וואס ער האט געקענט צו העלפן דער איד.

דער פריערדיעקער רבי שרייבט אויך אז ער האט געהערט אסאך מעשות פון דער רז"א, וואס ער האט דערציילט יעדער ווארט ווי "א לעבעדיקער שטיקל פון אן אויסערגעווינליכע בילד..."

דער רבי מהר"ש האט געזאגט אויף די רז"א אז ער איז געווען זייער א קלוגע מענטש, און דער רבי רש"ב האט גערעדט אויף זיין גרויס עניוות.

דער רז"א איז אוועק י"א חשון און זיין קבר איז אין וויטעפסק. עס איז פאראן אסאך וואס מען קען לערנען פון די רז"א אויף צו זיין אן אמת'ע חסידישע איד...

# דערציילט מיר א מעשה

"זי איז אלעמאל געווען א געזונטע מיידל..וואס איז געשען מיט איר לעצטנס?" די עלטערן האבן גערעדט צווישן זיך אויף זייער טאכטער מיט גרויס זארג.

ווען זיי זיינען געגאנגען צום דאקטער האבן זיי געפונען אז זי ליידט פון א מחלה וואס מאכט עס שווער פאר איר צו עסן. די עלטערן האבן גלייך געשריבן צום רבי'ן בעטן א ברכה. די ענטפער וואס זיי האבן זוכה געווען צו באקומען האט אויסגעזען ווי די ענטפער וואס זיי האבן א סך מאל געזען, "רפואה שלימה, און מען זאל איבערקוקן די מזוזות."

די עלטערן האבן גלייך געברענגט די מזוזות צו א סופר און ער האט אלץ איבערגעקוקט. ווען די סופר האט זיי געזאגט אז אלץ איז בסדר מיט די מזוזות, האבן די עלטערן זייער געוואונדערט. דערווייל איז די מיידל ניט געווארן בעסער.

די טאטע האט ניט געוואוסט וואס צו טאן, און ער האט איבערגעקוקט דעם רבי'נס ברכה. פלוצלונג האט ער באמערקט אז ער האט פריער געמאכט א טעות. "קוק איבער די ***מזונות***.." האט דער רבי געשריבן – די מזונות?!

דער טאטע האט שנעל איינגעזאמלט זיינע קינדער און האט זיי געפרעגט אויב עס קען ח"ו זיין אז זיי האבן געגעסן עפעס וואס איז ניט כשר. די קינדער האבן געטראכט, און איינער האט געענטפערט "טאטי, איך געדענק אז מיין מלמד האט אונז געזעאט אז מיר זאלן ניט עסן פון א געוויסע בעקעריי ווייל די בעל הבית פאלגט ניט די ווערטער פון רב..אבער אסאך מאל האט ער עקסטרע שטיקלאך און ער גיט עס אונז אומזינסט..."

"אוי ווייי!" האט דער טאטע געזאגט' "קינדער,מאכט זיכער קיינמאל ניט עסן פון דארט נאכאמאל!" די קינדער האבן אלע גלייך מסכים געווען און ניט א לאנגע צייט שפעטער איז די מיידל צוריקגעקומען צום געזונט!!!

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

בס"ד

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים׳ס אופיס פאר מיטוואך, י״ד חשון, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718–221–0985)**



# פרשת לך לך

העלף צו אברהם געפינען די וועג פון מצרים צו ארץ כנען.




נאמען: ______________________ ווי אלט: ____

אדרעס: ____________________________________

אי-מייעל: __________________________________

**הצלחה רבה!**


A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org